— הע, סאַלע?... אַ הינטיש לעבן, וואָס?...

פאַראַיאָרן האָט סאַלע שוין געהאַט אַ חתן, אַ הויכן, דאַרן בחור, אַן עלעקטראָ־מאָנטער, מיט אַ לאַנגער אָפּגעשיילטער נאָז און צו־נאָענטע קליינע איינגלעך, אייבּיק־פאַרוויינטע, ווי ביי אַ געשלאָגענעם הונט. דער בחור פלעגט קומען צו איר אַהיים יעדן אָוונט פונקט אַכט אַ זייגער, האָט אָפּגעוואַרט יעדעס מאָל אויף דעם מיידל שעהן־לאַנג, אויסגעטרונקען עטלעכע גלעזער טיי מיט „אויגן" און געשפּילט מיט דער מאַמען אין „זעקס־און־זעכציק". פון לאַנגווייליקייט פלעגט ער אַרויסנעמען זיין מעסערל און אַזוי לאַנג גראַבּלען עהגעץ צווישן די דראָטן ביים סופיט, ביז ס'פלעגט ווערן פינסטער. ווען נישט — פלעגט ער זיך אויסציען אויף דער סאָפאַ און צע־שנאָרכן זיך עובר־בטלדיק און מיט אַ פייף. די לאַנגע שפּיציקע נעגל זיינע זענען געווען רויט־לאַקירט און פול מיט בלאָטע און ס'האָט זיך אַלעמאָל פון אים געשפּירט מיט שוויים און בענזין. אין דער צייט, ווען ער איז געקומען, האָט ער פאַרלייגט אַ ראַדיאָ, פאַר־ראַכטן דעם אויוון אין וואַנע־צימער, איבּערגעשטעלט די קיך, אַרומ־געקיטעוועט די פענסטער. חיהלע פלעגט טענהען אונטער דער נאָז, מיט יחסנישן חוזק און חניפה צוזאַמען:

— גאָלדענע הענט... בּריליאַנטענע הענט... וויל וועט זיין דעם ווייב, וואָס וועט אים אָנקריגן!...

מ'האָט עטלעכע מאָל געבּאָרגט ביי אים געלט און נישט אָפּ־געגעבּן. בעריש בּיין פלעגט אויסקנעטן פון שטיקלעך ברויט שאַך־פיגורן, אָנשרייבּן אויפן טיש מיט קרייד אַ „פעלד" און שפּילן מיט אים. פאַרשפּילט האָט אַלעמאָל בעריש. ביים ייד פלעגט שוויצן דער הויכער שטערן פון בושה און ער האָט אים נישט אויפגע־הערט צו זידלען אויף לשון־קודש:

— חמור! — האָט ער אים גערופן מיט אַ ניגון, געבּיסן שטיק־לעך באָרד און אויסגעשפּיגן. — ווו גייט הער זקן־ממרא, האַ?... ערגעץ מוז ער דאָך גיין, ערגעץ!...

איצט האָט דער בחור אויפגעהערט קומען, און סאַלע ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט. אַלע עטלעכע טעג גייט זי אויף אַ „ביבּסע". צעשויבערטע ליטעראַטן־אָנפאַנגער, מיט האַלב־אויס־געקראַכענע לאַנגע קודלעס און מיט שמוציקע קעלנער, לייענען לאַנגע פּאָעמעס מיט אַ גמרא־ניגון, פּאַפּען שטינקנדיקן טאַבאַק אין פּייקעס און הערן זיך נישט אויף צו קריגן מיט די קלאַסיקער. אַ רויטער יונג, אַ דאַרער, מיט אַ שפּיציק פּנים פון אַ פוקס, זאָגט חכמות, מאַכט משוגענע העויות, רעדט פאַרשטעלטע ווערטער, האַלב־תרגום האַלב־טערקיש, און נישטערט אין אַלע ווינקעלעך מיט אַ פּאָר גרינע אויגן פון אַ קאָטער... אַ לונגען־קראַנק מיידל, מיט רויטע פלעקן אין לענגלעך־אָפּגעצערטן פּנים, זינגט הייזעריק קאָזאַקישע און אוקראַינישע ליבע־לידלעך, הערט נישט אויף קיין איין מינוט צו רויכערן און צו בלאָזן דעם רויך מיט דער בייזער ערנסטקייט פון אַ מענטש, וואָס טוט עפּעס מיט מסירת־נפש, און זי זעצט זיך יעדעס מאָל אָוועק ביי אַן אַנדער בחור אויף די קניען. זי רעדט גראָבע רייד, האָט אַ שם פון אַ בעל־תאווהניצע און וויפיל מאָל זי טרינקט עפּעס אויס, שלאָגט זי זיך, סקאַמליעט, ווי אַ הונט און חלשט...

סאַלע קומט אַהיים שפּעט, צערודערט פון אָנגעהערטן ניבול־פה. טאַטע־מאַמע שלאָפן שוין, אין קיך ברענט אַריינגערוקט אַ נאַפט־לעמפל און ס'שפּירט זיך מיט מויז און שימל. זי עסט קאַלטע קאַר־טאָפל פון אַ טעפּל אַרויס, טוט אויס אַ צעפליקטן ברודיקן זאָק, צירעוועט אים מיט צעשטאָכענע פינגער און הערט נישט אויף צו מאַכן מינעס קעגן אַ צעבּראָכן שטיקל שפּיגעלע. איר לעצטע האָפנונג איז צו ווערן אַ פילם־אַקטריסע. זי קוילערט אויס אַ פּאָר אויגן, בלאָזט־אָן די נאָזלעכער פון איר גראָבּלעכער קאַרטאָפל־נאָז, הויבּט אויף די ליפּן, ווי ביים דענטיסט און קאָן נישט פאַרגעסן, וואָס ס'האָט איר געזאָגט דער יידישער פילם־רעזשיסער, דער פאַן זיידל־זיידלעווסקי, וואָס שמינקט זיך, שלאָפט ביז דריי בייטאָג, טראָגט קורצע הויזן און גרייט שוין יאָרן־לאַנג אַ פילם וועגן דעם גרויסן פּאַטריאָט בערעק יאָסעלעוויטש. דאָס לעצטע מאָל איז סאַלע געווען ביי אים מיטאָג־צייט מיט אַ פּראָטעקציע־בריוו פון אַ זשורנאַליסט און מיט זעקס נייע פאָטאָגראַפיעס. דער פאַן זיידל־זיידלעווסקי האָט זיך אַרומגעדרייט אין זיין לאַנגער רויטער פּיזשאַמע מיט די געלע בלומען, האָט קעגן שפּיגל מיט אַ צוועננגעלע געציפּט האָר פון זיינע ברעמען און צו איר האָט ער געטענהט מיט גדלות און פון הינטער־ווייל'עכץ:

— קאָן זיין, מירן אייך אויסנוצן... גאַנץ מעגלעך...

— דער עיקר — געדולד... אַ סך געדולד!...

* * *

איציק מאַנגער / טשערנאָוויץ

# פאַרשידענע פאָלקסלידער

## אונגאַריש

### I

אָרעם בין איך. מיר פעלט גאָרנישט,
סיפעלט מיר נאָר דער ביסן.
פריילעך בין איך, נאָר דאָס רעקל
איז אויף מיר צעריסן.

לעכער האָב איך, נישט קיין ברויט,
און נישט קיין ווין אין קעלער,
צייל איך מיין פאַרמעגן איבּער,
טרעף איך נישט קיין העלער.

### II

כיהאָב דיך ליב, נאָך מער, נאָך מער
ווי די טויב דעם קאָרן,
און אַז איך חלום וועגן דיר,
שטעכט מיך ווי אַ דאָרן.

נישט קיין ווייב האָט דיך געבוירן,
נאָר די רויז אַליין,
אין מיין חלום בליסט דו, מיידל,
שענער נאָך פון שיין.

### III

— אוצר, עפן מיר די טיר,
סיקלאַפּט דער אונגאַר, נישט דער סלאַוו,
וואָס געדויערט עס ביי דיר?
סיקלאַפּאַ דער אונגאַר, נישט דער סלאַוו.

— איך ווייס, איך ווייס, נאָר איך האָב מורא,
אַלע זענט איר מיר איין סחורה,
שווערט צו ליבּע פון דער וועלט,
און דערנאָך — אַ פייג געשטעלט.

## ציגײַנעריש

### I

אין אַ יעדן אינדערפרי
ביים ערשטן שיין פון ליכט,
פרעג איך: „ווו איר ערד?"
און וואַש מיר דאָס געזיכט,
נישט מיטן קלאָרן וואַסער
און נישט מיט פייכטן טוי,
נאָר מיט מיין הייסער טרער